# אַ ליטעראַרישער קוריאָז

פון חיים ליבערמאַן

אין דעם באַנד, וואָס נעמט אַריין דעם אות ט׳ פונעם „לעקסיקאָן פון דער אידישער ליטעראַטור״ (אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס), וואָס דרוקט זיך אין ניו־יאָרק — און איז שוין דערגאַנגען ביז אות צ׳ — לייענען מיר:

טאָדריס, יצחק, געשטאַמט פון גאַליציע, געלעבט אין ווין, טשער־נאָוויץ, שפּעטער אין רומעניע, ליטע און פּוילן. בדחן און וויצלער, מחבר פון הומאָריסטישע מעשה־ביכלעך מיט אַ ראָמאַנטישן אינ־האַלט און אַ מוסר־השכל. צוו״אַ: אַ וואויל בחורל חלעבין („ער האָט אַ פּנים ווי אַ רוח, אַ הויזן און אַ שיך״) אין דריי טיילן, 1טער און 2טער, וואַרשע 1883, 47 ז. דריטער, דאָרט 1884, 24 ז.

ווען אָט־דאָס אַרטיקל איז דערשינען אינעם לעקסיקאָן האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ צאָל בקיאים אין דער אידישער ליטעראַטור, אויב זיי האָבן עפּעס געהערט וועגן אָט־דעם שרייבער. אַלע האָבן מודה־געווען, אַז זיי האָבן נישט געהערט פון קיין שרייבער מיט אַזאַ נאָמען. למען האמת האָבן זיי אויך נישט געקענט הערן — ווייל אַזאַ שרייבער האָט קיינמאָל נישט... עקזיסטירט.

טאָ אויף וועלכן וועג איז געקומען אַזאַ אַרטיקל אינעם לעקסיקאָן און פאַרוואָס האָט מען דאָרט פאַרצייכנט אַ שרייבער וואָס לא היה ולא נברא? אין די מעשה אַזאַ:

אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָט געלעבט אין יאַסי — רומעניע — אַ אידיש־שרייבער מיטן נאָמען ישראל אַרנשטיין. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער אין אידיש און איינס אין העברעאיש. אין יאָר 1882 האָט ער אָפּגעדרוקט אין לעמבערג אין דער דרוקעריי פון יעקב עהרנפּרייז — אַ דערציילונג מיטן נאָמען „אַ וואויל יונגיל חלעבין. ער האָט אַ פּנים ווי ר׳ סענדער, אַן הויזן אין אַן העמדער״ (איבערגעגעבן לויטן דאָרטיקן אויסלייג).

דער העלד פון יענער דערציילונג איז אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען טודרוס, וואָס האָט זיך געלאָזט וואוילגיין ווי דאָס האַרץ האָט ביי אים געגלוסט. האָבן זיך צו אים צוגעטשעפּעט כיטרע שווינדלער, וואָס האָבן אים אויסגעטאָן נאַקעט. צום סוף האָט ער תשובה־געטאָן. ער איז אַוועק אין אַ אידישער קאָלאָניע פון דרום־רוסלאַנד און געוואָרן אַן ערד־אַרבעטער.

אויף דער צווייטער זייט פונעם שער־בלאַט האָט דער מחבר אָפּגע־דרוקט אַ מודעה, אַז די רעכט איבערצודרוקן די דערציילונג האָט ער פאַרקויפט אויף אייביק צום דרוקער עהרנפּרייז. דערפאַר האָט קיין שום מענטש נישט דאָס רעכט — אויך נישט דער מחבר — דאָס צו דרוקן אויפסניי, אַן דער דערלויבעניש פון עהרנפּרייז.

אָבער אין יאָר 1884 איז אין וואַרשע איבערגעדרוקט געוואָרן אַ פּלאַגיאַט פון אָט־דער דערציילונג. פאַרשטייט זיך, אַז דעם מחבר׳ס נאָמען איז דערפון אַרויסגעלאָזט געוואָרן. בכדי מ׳זאָל נישט דערקענען, אַז דאָס איז די זעלביקע דערציילונג פון אַרנשטיינען, האָט דער וואַר־שעווער פּלאַגיאַטאָר געענדערט דעם נוסח פון שער־בלאַט און אויך געביטן דעם טיפּיש־לעמבערגער אויסלייג אויפן וואַרשעווער. ער האָט אים אָפּגעדרוקט אין אָט־דער פאָרם:

טאָדריס,
אַ וואָל בחוריל חלעבין
ער האָט אַ פּנים וויא אַ רוח
אַן הויזין אונד אַן שוך

אַן עקזעמפּלאַר פון אָט־דעם פּלאַגיאַט איז ווייזט אויס דערגאַנגען צום שרייבער פון דעם אַרטיקל אין לעקסיקאָן. וואָלט ער זיך דערביי אויך מטריח־געווען צו לייענען די דערציילונג אַליין, וואָלט ער געזען, אַז דאָס וואָרט „טאָדריס״ (מיט גרויסע אותיות) אינעם טעקסט פון שער־בלאַט איז נישט מער ווי דער „וואויל בחוריל״. דאָס מיינט: דער העלד פון דער דערציילונג. ווי עס זעט אויס, האָט ער אָבער געהאַלטן, אַז בכדי צו שרייבן אַן אַרטיקל אינעם לעקסיקאָן איז גענוג דאָס בלויז לייענען דעם שער־בלאַט. דערפאַר האָט ער באַשלאָסן, אַז דער „טאָדריס״ אין שפּיץ פון שער־בלאַט — דאָרט וואו די דרוקער שטעלן געוויינטלעך אַוועק דעם נאָמען פונעם מחבר — איז דער מחבר פון דער דערציילונג.

אַלדאָס אַנדערע, וואָס דאָרט איז געשריבן וועגן אים — אַז זיין נאָמען איז געווען יצחק, זיין אָפּשטאַם־שטאָט, די שטעט וואו ער האָט געוואוינט און אַלע אַנדערע ידיעות — אָט־דאָס אַלץ איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעזויגן פונעם פינגער; לויט דער צעפליגלטער פאַנטאַזיע פונעם שרייבער, בכדי צו פאַרשענערן מסתמא דאָס שטיק־וואָרט און געבן דעם אַרטיקל אַ פאָרם וואָס איז פּאַסיק פאַר אַ לעקסיקאָן. אויב צו ריידן נאָך פּשוטער, איז דאָס אַ פעלשונג.

דאָס קאָמישסטע דערביי איז, וואָס בעת אָט־דאָס אַרטיקל איז גע־שריבן געוואָרן, איז שוין אין אָט־דעם לעקסיקאָן גופא געהאַט דערשינען אַן אַרטיקל וועגן ישראל אַרנשטיין; און אויך, אָט־די דערציילונג איז דאָרט אָנגעגעבן אין זיין ביבליאָגראַפיע. אַגב, איז שוין כדאי צו באַ־מערקן: עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין 1931 אַח אַז ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1905. דאָס מיינט: 26 יאָר איידער ער איז... געבוירן געוואָרן.

דערפון קען מען עפּעס דרינגען וועגן ניווא פון אָט־דעם לעקסיקאָן. כ׳האָב אויך געהאַט אָנגעמערקט אויף טייל פון זיינע פעלערן אין מיין אַרבעט „דער משכיל הירש בער הורוויץ און זיין צוגאַנג צום תלמוד״ (פאַרעפנטלעכט אין פסח־זאַמלבוך, תשכ״ט, פון „אידישער קעמפער״).